ס'האט נארנישט געהאלפן דאס טענה'ען. די ירושלים'ער װ.א. איז באשטאנען אויף אירס. חינוך איז א גרויסע זאך. אויף תנוקות של בית הבן שטײט די װעלט, מכל שכן די אידישע װעלט! נאציאנאלע דיסציפלין איז דאס געבאט פון דער שעה. װאס איז דא צו רײדן א סך? די הויכע אידישע אינסטאנץ האט אויסגעפירט. זי איז געגאנגען נאך א שריט װײטער. זי האט צוגעגעבן נאך א באדינג צו אירע פריערדיגע באדינגונגען. זי האט פארלאנגט, אז פון הײנט אן און װײטער זאל מען אויפהערן דאװנען מיט דער אשכנזי'שער אויססשפראך און בעטן גאט נאר אין דער הברה הטפרדית. דער נוסח אשכנז קאן בלײבן, נאר די הברה מוז זײן די נאר נײע, די ירושלים'-ער. מען האט שוין אפילו אנגעהויבן פארהאנדלונגען װעגן דעם מיט די שולן און בתי מדרשים און די חסידישע קלײזלעך.

איר הערט, ס'איז ניט מער רוים און ירושלים, נאר ניו יארק און ירושלים, און ירושלים האט מנצח געװען. די גרויסע, די װעלט-בארימטע מנהיגים פון חינוך האבן אויסגעפירט זײערס.

און װאס איז מכוח דעם חינוך גופא? דא, זעט איר קאן איך אײך גאר װינציג זאגן. די גרויסע מנהיגים, װי איר װײסט, זײנען זיך פאנאנדערגעטלויגן, פונקט אזוי װי זײ זײנען זיך צוזאמענגעפלויגן, - ואיננם. און װעגן די קינדער אין די שולן, זאגט מען, אז ס'איז א ספק צי זײ װעלן קומען צוריק. זײ זײנען זיך פאנאנדערגעלאפן באלד װען די מחלוקה האט זיך אנגעהויבן און דערװײל זעט מען זײ ניט אן. אז זײ װעלן זיך אומקערן װעל איך אײך לאזן װיסן.

- - -

Dr. S. MARGOSHES
Editor

דר. ש. מארגאשעס
רעדאקטאר

[undated]

WEEKLY NEWSLETTER

# GRANDIOSE CELEBRATION OF ISRAEL'S FIRST ANNIVERSARY
# IS PROOF OF THE SIGNIFICANT ROLE OF AMERICAN ZIONISM

American Zionist Emergency Council arranged two celebrations in 1500 cities - 200 thousand come to celebrate in New York City -"No unlimited Jewish immigration without a free and independent Jewish State" - declared Dr. Silver.

By Observer

* * *

(ZINS) The way in which American Jewry celebrated the first birthday of the State of Israel is additional proof of the value of the Zionist Movement as an agent for the mobilization of American Jewry in the interests of Israel. More than half a million Jews gathered in meetings and outdoor public demonstrations to express their feelings on the unprecedented historic occasion. In New York alone throngs in excess of two hundred thousand crowded Madison Square Park to hear President Weizmann, Dr. Silver, Dr. Neumann, Chief Rabbi Herzog and others review the marvelous progress made by the people of Israel in their first year of Statehood. In the evening, Carnegie Hall was packed to the rafters by a distinguished audience that listened to speakers including Dr. Silver and two senators representing the great political parties of the United States, Republican Henry Cabot Lodge Jr. of Massachusetts and Democrat Paul H. Douglas of Illinois.

Meetings of a similar type, though, of course, on a smaller scale, were conducted in fifteen thousand towns and cities in all parts of the country. At all these meetings there was a liberal participation by local mayors, governors, and other public officials and by members of the Christian clergy. The celebrations were held under the auspices of the American Zionist Emergency Council, an organization comprising representatives of all Zionist parties under the chairmanship of Dr. Abba Hillel Silver.

Such a magnificent expression of United Jewish support for the young state could never have been attained without the drive of the Zionist Movement. American Jewry responded spontaneously to the appeal to show the world the strength and determination of their will to support Israel. But the form of that response, the organization of the mass meetings, the enlistment of Christian support, all took organization and hard work. To achieve concrete results in such an effort it was necessary to have a small, compact, active group with a special, obsessive interest in Israel. That group was supplied by the Zionist Movement. Without the Zionist Movement there would no doubt have been a few desultory, spar.sely attended, poorly publicized meetings. The Zionists saw to it that there was a veritable tidal wave of Jewish exuberance.

Three points were stressed at the Carnegie Hall gathering that are well worth

reiteration.

Dr. Silver introduced the first point by harking back to the beginning of the latest struggle for the Jewish State six long years ago. At that time, when he proposed a revolution calling for Jewish statehood at a meeting of the American Jewish Conference, the supreme body of American Jewry created to stand up for the rights of Jews everywhere in the world,he was attacked as an impossibilist, as an impractical dreamer. His "practical" opponents told him that by asking for everything the Jews would get nothing. They insisted instead on concentrating on short term objectives, such as repealing the British White Paper and opening up Palestine for unlimited immigration. Dr. Silver argued that Palestine would never be opened to Jewish immigration till the political control of the country was in the hands of the Jews.

Events have vindicated Dr. Silver. At present, one thousand Jews a dau are entering Israel. This historically unprecedented mass-migration is creating equally unprecedented and equally impressive problems in the political,economic, and social spheres. Only a Jewish state can cope with these problems. Only a Jewish State would permit them to arise. Thus the trend of events has confirmed the necessity of Jewish Statehood not only for the Yishuv, but for the homeless millions in Europe and the Arab countries.

The second point was made by Senator Lodge, who as Dr. Silver pointed out when introducing him, is the grandson of the author of the famous Lodge Resolution in which the United States Senate pledged full support to the building of a Jewish National Home in Palestine. He remarked that the emeregence and the achievements of the State of Israel, points to an age-old moral. Fof fifty years the idea was fought by hard headed men of the world as impractical and visionary. It was. And the moral of itse successful fulfillment is that great ideas can only be dreamed and worked out by "impractical" men, by "impossibilists", by those rare men who possess the faith that moves mountains.

The third point, the point closest to home, was made by both Senators.That point was the indispensability of the Zionist Movement and the ZOA to the continuance of an active and creative Jewish life in this country. As well-informed, sympathetic, and intelligent observers, these two gentiles are exceptionally qualified to make impartial, sound and objective judgments of the American Jewish scene. They are both agreed on the continuing value of the ZOA as a galvanizing factor in American Jewish life. As men close to the very highest circles in both the administration and the minority in Washington, they testified to the all important role of the ZOA in mustering United States Government support for the Jewish State. It is not at all impossible that without such support there would have been no Israel.

These three points sum up the lessons to be learned from the first anniversary of Israel's birthday, as seen from the vantage point of New York City, the largest and most influential Jewish city in the world, with a community of over two and a half million Jews.

* * * *

Dr. S. MARGOSHES
*Editor*

דר. ש. מארגאשעס
רעדאקטאר

[undated]

# די נייע פארשווערונג

## (װעגן די נאכװײענישן פון סכסוך אין אמעריקאנער ציוניזם)

פון דר. ש. מארגאשעס

\- - -

(צינס) מ'זאגט מיר, אז דער סכסוך אין פאראייניגטן ציון אפיל אדער, גענויער, דער סכסוך צווישן דער מאנטאר-גרופע און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע אינעווייניג אין ציון אפיל, איז שוין פאריבער און מ'קאן זיך נעמען פאר אנדערע זאכן - און איך וויל גלויבן. איך ווייס, אז ס'איז געשלאסן געווארן א שלום-אפמאך, און איך האב דעם טעקסט פון דעם אפמאך געלייענט פונקט ווי אנדערע האבן דאס געטאן, און איך בין דערפאר גוט באקאנט מיט זיין אינהאלט. און איך ווייס אז דער מאנטאר-אויפשטאנד קעגן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע האט נישט דערפירט צו קיין רעוואלוציע אין אמעריקאנער ציוניזם; אז אין דער פארוואלטונג פון די ציוניסטישע פאנדן אין אמעריקע איז אלץ געבליבן ביים אלטן, און די „אויפשטענדלער" האבן גארנישט אויסגעפירט. מיר איז אויך באוואוסט, אז די מאנטאר-גרופע האט אין דער לעצטער מינוט אויפגעגעבן אירע אלע פלענער צו רופן א באזונדערע קאנפערענץ, וואס האט געזאלט פראקלאמירן א קאנקורענץ-פאנד קעגן דעם פאראייניגטן ציון אפיל, ברעכנדיג דערמיט דעם פאראייניגטן אידישן פראנט פאר ארץ ישראל.

איך ווייס אלצדינג. איך בין נישט קיין „גרינער" אין ציוניסטישע ענינים. אבער אפשר צוליב דעם טאקע איז מיר דאס הארץ שווער. איך וואלט שטארק וועלן גלויבן, אז מיר זיינען פטור געווארן פון דעם מאנטאר-סכסוך, אבער ס'גלויבט זיך פארט נישט. דער מאנטאר פארמעסט קעגן דער יו-פי-איי איז דערוויל טאקע דורכגעפאלן, אבער איך האב שטארק מורא, אז דער פארמעסט קעגן דעם אמעריקאנער ציוניזם און באזונדערס קעגן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע איז ווייט נישט אויפגעגעבן געווארן, ווייל סוף כל סוף האנדלט זיך דא נישט בלויז וועגן מאנטאר'ס שטעלע - כאטש א שטעלע וואס צאלט 40 טויזנט דאלאר א יאר, גייט אויך נישט צופוס. דא האנדלט זיך וועגן א קאמבינאציע און א צוזאמענשטעל פון כוחות, וואס זייער ציל איז צו צעשטערן די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג אין אמעריקע און צו פארכאפן דעם קאנטראל, „אין נאמען" טאקע פון ציון - איבער'ן גאנצן אמעריקאנער אידנטום, נישט מער און נישט ווייניגער. צי מאנטאר אליין וועט אנפירן מיט אט דער דאזיגער פארשווערונג איז מיר גארנישט וויכטיג. דער מענש אליין הייבט מיך נישט אן צו אינטערעסירן; און איך רעכן, מ'האט בכלל וועגן אים געמאכט א צו גרויסן צימעס. וויכטיג איז אז הינטער דער מאנטאר-גרופע באהאלט זיך א טאפעלטע פארשווערונג קעגן דעם אמעריקאנער ציוניזם, א פארשווערונג אויף דער ארץ ישראל סצענע, וואס אין איר זיינען פארמישט א גאנצע רייע וויכטיגע גרופעס און פארשוינען, און וועגן זיי זאגט דער פסוק: ובני קורח לא מתו...

קודם כל קומט די פארשווערונג קעגן די ציוניסטישע פאנדן אין אמעריקע קעגן דעם קרן היסוד און דעם קרן קימת. די מאנטאר-גרופע רעדט כלומרשט וועגן „רעפארמען" אין דער פארוואלטונג פון די

דאזיגע צװײ ציוניסטישע הױפּט-פאנדן, אבער װאס זײ איז באמת אױסן,
איז אײנגאנצן צו פארניכטן די דאזיגע צװײ פאנדן. סוף כל סוף זײנען
דאך די דאזיגע צװײ גרױסע געלטע ציוניסטישע פינאנציעלע אינסטיטוצ-
יעס װאס װערן פארװאלטעט פון ציוניסטן פאר ציוניסטישע צװעקן, דער
עיקר פאר בנין הארץ. דאס אלץ ניט צו חשיבות דער ציוניסטישער באװעג-
גונג אין אמעריקע, פון װעלכער די מאנטאר-גרופּע װיל פּטור װערן. די
דאזיגע באװעגונג שטײט איר װי א בײן אין האלז. װעט מען אבער אונטער-
גראָבן און אפּװישן דעם קרן היסוד און קרן קימת, װעט שױן לײכטער זײן
צו גראָבן א גרוב פאר'ן אמעריקאנער ציוניזם. די מאנטאר-לײט, װאס א
חוץ אמאליגע. גוטע, געטרײע ציוניסטן, שליטן זײ אױך אײן א סך אלטע,
פארביסענע ניט- און אנטי-ציוניסטן, האבן ניט קײן שום יראת הכבוד
פאר דער ציוניסטישער געשיכטע און פאר דער גרױסער געשיכטליכער ראלע,
װאס די צװײ ציוניסטישע פאנדן האבן געשפּילט אין דעם אױפבױ פון אי-
דישן לאנד און פון דער צוגרײטונג צו דער אידישער מלוכה. אין נאמען
פון כלומר'שט „עפישענסי" זײנען זײ גרײט צו דערמארדן די צװײ גרױסע
פינאנציעלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. איך הער זאגן, אַז הענרי מאָר-
גענטױ, נאך זײן צוריקקער פון ארץ ישראל, איז געװארן ^איבערצײגטער
קעגנער פון קרן היסוד און קרן קימת. ער װיל גאר האבן א נײעם אלגע-
מײנעם פאנד, װאס זאל ליגן אין גאר גאנץ אנדערע הענט, און ס'איז א
סוד פאר גאנץ פראַד, אז הענרי מארגענטױ און די הענרי מאנטאר-גרופּע
זײנען זײער נאענטע מחותנים . . . גאנץ פשוט, מ'איז גרײט צו פארניכ-
טן די ציוניסטישע פאנדן, אבי אױך אזא אופן ארױסצורײסן פון די הענט
פון זײערע בױער, די אמעריקאנער ציוניסטן און די ציוניסטישע ארגא-
ניזאציע אין אמעריקע.

אבער די דאזיגע פארשװערונג קעגן די ציוניסטישע פאנדן איז
בלױז א טײל פון א גרעסערער פארשװערונג אויף דער אמעריקאנער סצענע.
זי איז געצילט ניט נאר קעגן דעם אמעריקאנער ציוניזם און זײן אײנפ-
לוס, נאר אױך קעגן דער זעלבסטשטענדיקײט פון אמעריקאנער אידנטום.
דא גײט גאנץ פשוט אין דעם צו פארכאפּן די הגעמאָניע איבער'ן אמערי-
קאנער אידנטום און צו באזײטיגן די השפּעה פון די ציוניסטישע ארגא-
ניזאציעס, פאר װעלכע מ'ציטערט איצטער אימת מות. אזױ װי א מורא האט
טױזנט אױגן, זעט די אידישע האלבע און גאנצע אסימילאציע אין אמע-
ריקע טױזנט-פאך די געפאר, אז די ציוניסטן װעלן באפעסטיגן זײער אײנ-
פלוס אױף די אידישע מאסן, און עס קאָן נאך קומען דער טאג, װען זײ
װעלן װערן דער הערשענדיגער כוח איבער'ן אמעריקאנער אידישן לעבן. כדי
דאס צו פארמײדן, מוז מען צונעמען בײ די ציוניסטן דעם שם המפורש,
װאס איז דער סוד פון זײער כוח, נעמליך - ארץ ישראל. און אזױ איז
די אידישע האלבע און גאנצע אסימילאציע אין אמעריקע דערגאנגען צו
דעם משונה'דיגן פּלאן פון װעלן שלאגן און דערשלאגן דעם אמעריקאנער
ציוניזם דורך ארץ ישראל! אױב, אין אנדערע װערטער, געגנון ניט- און
אנטי-ציוניסטן װעלן זיך איצטער ארױפכאפּן אױפ'ן רײטװאָגן פון מדי-
נת ישראל װאס מאכט איצט זײן טריאומף-מארש איבער גאנץ אמעריקע, װעט
מעגליך זײן צו פארקירעװען דעם װאגן אװעק פון דער ציוניסטישער באװע-
גונג און אױף דער אימעניע פון די דאזיגע, װאס פופציג יאר נאכאנאנד
האבן זײ געפירט אשטילע אדער אן אפענע מלחמה קעגן א אידיש הײמלאנד.
אױסטערליש װי דאס זאל ניט קלינגען, איז דאס אבער פארט א פאקט, אז
אין אמעריקע איז איצט אױפגעקומען א נײע גרופּירונג און קאָמבינאציע
פון כוחות, װאס מ'קאָן אנרופן די אנטי-ציוניסטישע און פּראָ-ישראל מאנ-
טע. און די דאזיגע פארטײ, װאס איר צװעק איז ניט מער, ניט װײניגער
װי צו פארכאפּן די הגעמאָניע איבער'ן אמעריקאנער אידנטום, קאָן פאר-
שטײט זיך, ניט דערגרײכן איר ציל, סײדן איבער'ן טױטן קערפּער פון
אמעריקאנער ציוניזם. און אז מ'האט אזעלכע הזיבע ציל, זײנען זעלבסט-

פארשטענדליך, שוין אלע מיטלען כשר, און אומזיסט-אויסנעדרוקטע מחי-
לוקת'ן אין דעם יו-פי-אײ און די פארניכטונג פון די ציוניסטישע
פאנדן - אודאי און אודאי.

אינטערעסאנט און ווײטאגליך ביס גאר איז דער פאקט, אז צו דער
דאזיגער קאמפײנאציע פון אנטי-ציוניסטישע כוחות, וואס האבן זיך פאר-
מאסטן אזוי חזיך קעגן דאנצן אמעריקאנער אידנטום, זײנען צוגעשטאנען
עלעמענטן אי אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע, אי אין
דער רעגירונג פון ישראלץ עס איז טאקע ניט לאניש און זיכער ניט-
ציוניסטיש מצד יענע עלעמענטן צו מאכן יד-אחת מיט דער האלבער און
גאנצער אידישער אסימילאציע אין אמעריקע, אבער אונזערע אלטע חכמים,
וואס זײנען זיכער געווען גרויסע קענער פון דער מענשליכער נאטור, האבן
שוין לאנג צוריק אײנגעזען, אז אהבה והשנאה מקלקלת את השורה! אזוי
גרויס איז אין געוויסע קרײזן, אי אין אמעריקע, אי אין ישראל, די
קנאה-שנאה צו דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע און איר פי-
רערשאפט, אז זי פירט די דאזיגע שנאה צו ציוניסטישע פארבינדונגען
מיט שונאי ציון. אזוי, למשל, ווײס מען, אז די איצטיגע אפאזיציע אין
דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע, וואס רופט זיך „קאמיטעט
פאר'ן פראגרעסיוון ציוניזם", שטײט שטאל און אײזן הינטער דער מאנטאר-
גרופע, באטש עס מוז קלאר זײן פאר יעדן בר דעת, אז די דאזיגע מאנ-
טאר-גרופע איז אויסן ארונטערצוזײסן דעם פרעסטיזש און די אויטארי-
טעט ניט נאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, נאר פון
דער גאנצער ציוניסטישער באוועגונג. וואס אבער איז ווײניגער באוואוסט
איז דער פאקט, אז געוויסע ספא'י עלעמענטן, וואס זײנען א טײל פון דער
רעגירונג פון ישראל, האבן זיך געלאזט פארפירן פון זײער קעגנערשאפט
און שנאה צו דער סילווער-ניומאן פירערשאפט אין אמעריקע צו ווערן קנע-
פל שבקנעפל מיט דער מאנטאר-גרופע. אזוי, למשל, האט די ארץ ישראל
דיגע פרעסע אנגעוויזן דערויף, אז עס איז פאראן א פעסטער גרונט צו
גלויבן, אז אליעזר קאפלאן, געוועזענער קאסירער פון דער אידישער אגע-
נטור און איצטיגער פינאנץ-מיניסטער אין דער ישראל רעגירונג, שטײט
הינטער מאנטאר'ן און זײן גרופע אין די פאראײניגטע שטאאטן. עס איז
קײן סוד ניט, אז א סך ציוניסטישע פירער אין אמעריקע האבן זיך גע-
בעטן בײ אליעזר קאפלאנ'ען, אז ער זאל אפרופן מאנטאר'ס אנגריף אויף
דער יו-פי-אײ און אויפ'ן אמעריקאנער ציוניזם - אבער אן דערפאלג.
אין דער זעלבער צײט האט אליעזר קאפלאן אנגעטרויט מאנטאר'ן, וואס איז
געשטאנען אין אן אפענער מלחמה קעגן דער אמעריקאנער ציוניסטישער
באוועגונג, מיט דער זײער וויכטיגער און פארטרויליכער מיסיע. צי אלי-
עזר קאפלאנ'ס אידעאלאגישע אײנשטעלונג האט א סך געהאט צו טאן מיט
זײן איצטיגער פארבינדונג מיט דער מאנטאר-גרופע, ווײס איך ניט. דער
סאציאליסט קאפלאן געהערט בכלל צו די מינימאליסטן אין דער ציוניס-
טישער באוועגונג, ווען עס קומט צו פארמעסטן זיך מיט דער גרויס כורזשו-
אזיע און מיט די תקיפים פון דער וועלט. אבער איך בין זיך משער, אז
זײן פסיכישער אײנשטעל און באזונדערס זײן פארטײאישע קעגנערשאפט צו
דער איצטיגער פירערשאפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמע-
ריקע האט שוין גאר געהאט א סך צו טאן מיט זײן באציאונג צו דער מאנ-
טאר-גרופע און דעם סכסוך אין דעם אמעריקאנער ציוניזם.

די אונטערשטע שורה איז, אז ווי מ'זאל ניט קוקן אויף דעם אפמאך
צווישן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דער מאנטאר-גרופע אין דעם
יו-פי-אײ ענין - צי ווי אויף א וואפנשטילשטאנד צי ווי אויף אן איבער-
רײס אין א לאנג-פארצויגענער מלחמה - אײן זאך איז זיכער: די געפארן
וועלכע די מאנטאר גרופע טראגט מיט זיך, ניט נאר פאר דעם אמעריקא-

נער ציוניזם, נאר פאר׳ן נאנצן אמעריקאנער אידנטום, זיינען נאך ווייט
ניט פאראייבער. עס איז ניכער אנצונעמען, אז אנשטאט די דאזינע גע־
פארן זאלן ווערן קלענער און פארשווינדן אין דער נאענטער צוקונפט,
וועלן זיי וואקסן און ווערן דראענדער מיט׳ן פארלויף פון דער צייט. סיידן־
סיידן די ציוניסטן פון נאר דער וועלט, - און דא האב איך אין זינען
אויך די ציוניסטן וואס שטייען איצטער אין דער אפאזיציע צו דער ציוני־
ניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, און די חשוב׳ע עלעמענטן אין
דער ישראל רעגירונג, - וועלן, פארגעסענדיג זייערע חלוקי דעות, זיך
צוזאמענעמען און מיט א דרינגער אנשטרענגונג באקעמפן און באזייגן
די נייע, גרויסע געפאר, וואס איז אויפגעשטאנען קעגן זיי אלעמען.

- - -

Dr. S. MARGOSHES
*Editor*

דר. ש. מארגאשעס
רעדאקטאר

[undated]

# דאס יאר תש״ח -- קאמף פאר דער אידישער מדינה

קורצער איבערזיכט פון גרויסער תקופה -
ווי אזוי און דורך וועמען ס'איז געפירט
געווארן דער קאמף פאר דער אידישער מלוכה.

פון מ.צ. פראנק
- - -

א.

(ציינס) דאס גאנצע יאר תש'ח איז געווען דאס יאר פון דער אידישער
מדינה. די שטילע צערעמאניע וואס איז פארגעקומען אין דעם שטאטישן
מוזי" אין תל-אביב דעם 14טן מאי (ה' אייר) איז געווען דער הויך-פונקט
פון א היסטארישער עראייגעניס וואס האט זיך געצויגן א גאנץ יאר - אומ-
געפער דאס גאנצע יאר תש'ח.

ווען דאס יאר תש'ח האט זיך אנגעפאנגען, דעם 15טן סעפטעמבער
1947, איז שוין פארעפענטליכט געווארן דער באריכט פון דער ספעציעלער
קאמיסיע פון די פאראייניגטע פעלקער מיט א רעקאמענדאציע פון דער מערה"ט
צו צוטיילן ארץ ישראל אויף צוויי זעלבסטשטענדיגע מלוכות - איינע א
אידישע, איינע אן אראבישע. ביים אנפאנג אידישן יאר האט זיך צוזאמענגעקומען
די זיצונג פון דער אלגעמיינער אסעמבליי אין פלאשינג מעדאוס,
און ד"ר אבא הלל סילווער האט, אין נאמען פון דער אידישער אגענטור
און פון דער מערה"ט פון דעם אידישן פאלק איבער דער גאנצער וועלט,
געזאגט די פאראייניגטע פעלקער אז די אידן נעמען אן דעם פלאן אלס א
לעצטן פרידליכן קאמפראמיס.

די ענטוויקלונגען פון דעם יאר תש'ח האבן שפעטער באשיינפערליך
באוויזן אז סילווער האט אויסגעדריקט די געפילן פון דעם גאנצן פאלק
ווען ער האט געווארנט די אראבער אז אידן ווילן שלום, אבער אויב „מען
וועט אונז אטאקירן וועלן מיר האנדלען ווי יעדעס אנדער פאלק - מיר וועלן
זיך ווערן ... מיר ווערן ניט נתפעל פון פוסטע סטראשונקעס". ער האט
אויך אויסגעדריקט די סענטימענטן פון דעם גאנצן אידישן פאלק ווען ער
האט ערקלערט אז פאר אידן איז ניט גרינג אויפגעבן ירושלים, אבער צוליב
שלום וועלן זיי אננעמען אן אינטערנאציאנאלן רעזשים אין דער הייליגער
שטאדט.

פאר א גרויסער אידישער פארזאמלונג אין וואשינגטאן (א צו-
זאמענפאר פון דעם פאראייניגטן ארץ ישראל אפיל) קורץ פאר דעם 29טן
נאוועמבער, האט סילווער אויסגעדריקט דעם געדאנק אז „קיין נייע מדינה
ווערט ניט געבוירן אן בלוט-פארגיסונג" און די אידישע מדינה ווארשיינליך
וועט מוזן קעמפן פאר איר עקזיסטענץ. און, קענענדיג דעם אידישן
ישוב אין ארץ ישראל, האט ער ניט געצווייפלט אין די רעזולטאטן.

שפעטער, ווען אמעריקע האט זיך שוין אנגעהויבן וואקלען, האט
סילווער פאר דער זיכערהייטס-ראט ערקלערט: „מיר האבן גרויס דרך ארץ
פאר דער אויטאריטעט פון די פאראייניגטע פעלקער, אבער אויב זיי ווילן -

ניט אדער קענען ניט דורכפירן זייער אייגענעם באשלוס, וועלן מיר, די
אידן, אים אליין דורכפירן". און אזוי איז עס טאקי געווען.

- - -

כ.

אמעריקע האט די אידישע פאדערונג פריער געשטיצט און געבראכט
דערצו אז די מערהייט פון די פאראייניגטע פעלקער זאל דעם 29טן נאוועמ-
בער אננעמען, מיט קליינע ענדערונגען, די רעקאמענדאציע פון דער
ספעציעלער קאמיסיע. שפעטער ווען עס איז געקומען צום אויספירן, האט
זי זיך גענומען וואקלען, ביז זי האט געמאכט א פרואוו דעם 19טן מערץ
דעם באשלוס אינגאנצן אומווארפן, אבער דאס האט זיך איר ניט איינגע-
געבן און די זאך איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. די אראבער
האבן געשפילן פייער די גאנצע צייט, די ענגלענדער אונטער א מאסקע פון
נייטראליטעט, אינטריגירט, געהעצט און באוואפנט די אראבער און אפילו
אליין אנטייל גענומען אין טעראר אקטן און אין שלאכטן געגן די אידן,
די אידן האבן זיך געהאלטן פעסט, האבן געקעמפט אונטער שווערע אומ-
שטענדן און האבן געזיגט. דער אידישער קאמף האט איבערראשט די גאנצע
וועלט און האט דערהויבן ביי די אידן פון דער גאנצער וועלט זייער זעלבסט-
ווירדע. דאס יאר תש'ח לאזט איבער א אידישע מדינה וואס די אידן האבן
אויפגעשטעלט אליין. ניט מיט די חסדים פון די פעלקער. נאר מיט אייגע-
נע כוחות. מיט אייגענער מוט און מיט אייגענע בלוט.

- - -

ג.

דעם 29טן נאוועמבער האבן די פאראייניגטע פעלקער, נאך לאנגע דע-
באטעס, אנגענומען דעם באשלוס צו גרינדן א אידישע מדינה. דעם 19טן
מערץ האט אמעריקע געפרואווט אומווארפן דעם באשלוס וועלכן זי האט אליין
שטארק געשטיצט. דעם 14טן מאי האט די אידישע פירערשאפט אין ארץ
ישראל, נאך א וואקלעניש, און טראץ די סטראשונקעס פון אמעריקאנער
באאמטע און טראץ דעם בעפארשטעהנדיגן קריג, אויפגעשטעלט א אידישע
מדינה, צום ערשטן מאל אין 1900 יאר.

די אראבער האבן אנגעפאנגען אן אומאפיציעלן קריג געגן די
אידן באלד נאכ'ן 29טן נאוועמבער און זיינען געגצליך צושלאגן געווארן
שוין עטליכע וואכן פאר דעם 14טן מאי. אין דער צווייטער העלפט פון
אפריל האבן אידן פארנומען דעם וועג קיין ירושלים, פארנומען חיפה,
יפו און אנדערע שטעדט. הונדערט טויזענדער אראבער האבן זיך שוין
געהאט צולאפן פון אידישע געגענדן.

דעם 14טן מאי האבן די אראבער פון זיבן לענדער אנגעפאנגען
אן אפיציעלן ארגאניזירטן קריג געגן די אידן. די אטאקע איז אנגע-
גאנגען אונטער דער פירערשאפט פון אראבישן לעגיאן פון קעניג אבדו-
לא וועלכער ווערט אנגעפירט פון ענגלישע אפיצירן. דער לעגיאן האט
זיך הויפטזעכליך קאנצערטרירט אויף ירושלים און האט די שטאדט באלא-
גערט. די באלאגערונג פון ירושלים אין תש'ח קען פארגליכן ווערן מיט
דער באלאגערונג פון מאדריד דורך פראנקא; סטאלינגראד דורך היטלער'ס
חיילות אין דעם לעצטן וועלטקריג. עס איז געווען א קריג פון הויז צו
הויז, פון קווארטאל צו קווארטאל.

אבדולא'ס זעלנער האט זיך איינגעגעבן צו איינעמען בלויז די
אלטע שטאדט אין ירושלים, 85 פראצענט פון ירושלים איז פארבליבן אין

אידישע הענט, כאטש די שטאדט האט שטארק געליטן. די אידן האבן געהונגערט, געדארשט און ניט געהאט קיין ליכט, אבער זיי האבן אויסגעהאלטן. ווען די אידן האבן שוין געהאלטן אין אטאקירן די אראבער פון דער ירושלים'ער אלטער שטאדט און עס האט מיט זיי געהאלטן שלעכט, האבן די גרויסע פעלקער זיך צוגעאיילט ארויפצוצווינגען א שטילשטאנד אויף א מאנאט צייט. די אידן האבן אין דעם קריג געהאט פארלוירן ווייניג טעריטאריע און געוואונען א היבש ביסל פון דער וואס איז צוגעטיילט געווארן די אראבער.

ביים סוף חודש האבן די עגיפטער ווידער אטאקירט און די אראבער האבן אין צען טעג געקראָגן גרעסערע קלעפ איידער פריער. ווידער האבן זיך די פעלקער צוגעאיילט מיט א שטילשטאנד, דאס מאל אויף א אומבאשטימטער צייט.

אין דער צייט האבן די אידן אין ארץ ישראל איינגעריכטעט זייער מדינה אלס פעסטער און פעסטער, און עס איז שוין געווארן אוממעגליך אפפרעגן איר עקזיסטענץ. ביים אנפאנג תש'ט לינט פאר די פאראייניגטע פעלקער וועלכע פארזאמלען זיך אין פאריז, א פלאן צו אנערקענען די אידישע מדינה אבער צו איינשרומפן איר טעריטאריע ווי ווייט מעגליך אזוי אז זי זאל קענען ארייננעמען וואס ווייניגער נייע איינוואנדערער. די ענגלישע און אמעריקאנער רעגירונגען האבן צוגעשטימט. די אמעריקאנער שטעלונג האלט זיך אין ענדערן צו גונסטן די אידן, די אידן האלטן זיך פעסט. דער הויפט קאמף איז ארום דעם נגב. אזוי האלט עס ביים אנפאנג פון דער יאר תש'ט.

\- - -

ד.

דאס איז געווען א יאר פון קאמף פאר דער אידישער מדינה - א קאמף אויפ'ן פאליטישן און דיפלאמאטישן געביט און א קאמף אפ'ן שלאכטפעלד און אין ארגאניזירן די רעגירונג.

צוויי הויפט פיגורן האבן זיך ארויסגערוקט אין דעם דאזיגן קאמף אין די באטרעפענדע געביטן: ד"ר אבא הלל סילווער אין אמעריקע און דוד בן-גוריון אין ארץ ישראל. סילווער, מיט דער נאענטער מיטארבייטערשאפט פון ד"ר עמנואל ניומאן, פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע, האט ארגאניזירט און אנגעפירט מיט די כוחות וואס האבן געווירקט ביי די פאראייניגטע פעלקער און ביי דער אמעריקאנער רעגירונג וועלכע האט געשפילט אן אנטשיידענדע ראלע ביי די פאראייניגטע פעלקער. בן-גוריון האט אנגעפירט מיט'ן מיליטערישן קאמף אין ישראל און מיט ארגאניזירן דעם רעגירונגס אפאראט אין ישראל.

אודאי זיינען סילווער און ניומאן ניט געווען די איינציגע אויף זייער געביט, און אודאי איז בן-גוריון ניט געווען דער איינציגער אויף זיינעם, אודאי זיינען זיי ניט געווען די ערשטע דעם קאמף אנצוהויבן. אודאי האבן זיי פארטראטן ניט בלויז זיך אליין אדער א גרופע אנהענגער נאר דאס גאנצע פאלק. אבער זיי האבן אין דעם יאר תש'ח געשפילט פירענדע ראלעס - סילווער-ניומאן אין ארגאניזירן די פאליטישע כוחות פון דעם גרעסטן אידישן קיבוץ אין גלות און בן-גוריון אין ארגאניזירן דעם ישוב און פארוואנדלען אים אין א קעמפענדן זעלבסטשטענדיגן שטאט. אין די מאמענטן ווען די הויפט-געוויכט איז געלעגן אויפ'ן פאליטישן קאמף האט פאר דער וועלט ערשינען סילווער, ווען דער קאמף האט זיך אריבערגעטראגן קיין ארץ ישראל, האט זיך די וועלט צוגעקוקט צו בן-גוריון.

ביים איצטיגן מאמענט לינט דער שווערפונקט אין ארץ ישראל. אבער עס בלייבט נאך פיל ארבייט צו טאן אין ארגאניזירן דעם גלות סיי פאר פאליטישער און סיי פאר פינאנציעלער און עקאנאמישער טעטיקייט לטובת מדינת ישראל. דער קאמף איז נאך ניט אינגאנצן געוואונען.

Dr. S. MARGOSHES
Editor

דר. ש. מארגאשעס
רעדאקטאר

(undated)

# די דראמאטישע צעהן טעג פאר דער פראָקלאמאציע פון דער אידישער מלוכה

ביז דער לעצטער מינוט האט מען געזוכט אפצולייגן
די פראָקלאמירונג פון אידן-שטאאט -דער קאמף הינ-
טער די קוליסן -סטראשונקעס פון וואשינגטאן אפצו-
שטעלן אידישע פינאנציעלע הילף קיין ארץ ישראל -
שערטאק'ס פליה און לעהמאנ'ס צוריקציוג.

## וועבעגטליבער איבערזיכט פון ציוניסטישע נייעסן אין אמעריקע

פון א. בעקאבאכטער

ציונס) - ביז דער סאמער לעצטער מינוט ווען די אידישע מלוכה איז פראָ-
קלאמירט געווארן אין תל אביב האט מען נאך אלץ נישט געוואוסט אויף
זיכער צי די פראָקלאמאציע וועט טאקע פאָרקומען, צי זי וועט אינגאנצן
אָפגעלייגט ווערן, צי ס'וועט געפינען ווערן א קאָמפּראָמיס פארמולע צווישן
אידישער מלוכהשאפט און אונטערטעניגקייט צו אמעריקע און צו די פאר-
אייניגטע פעלקער אָרגאניזאציע אין לעיק סאקסעס. דער קאמף צווישן די
צוויי צדדים אין דער ציוניסטישער וועלט באוועגונג ווען דער צוועקמע-
סיגקייט פון דער אידישער מלוכה פראָקלאמאציע גלייך נאך דעם סוף פון
דעם בריטישן מאנדאט האט פאקטיש נישט אויפגעהערט ביז דער לעצטער
סעקונדע. נאך פרייטאג אין דערפרי דעם 14טן מאי, האבן זיך אין לעיק
סאקסעס און אין ניו יארק ארומגעטראגן סלוכן אז דער אידישער שטאאט
ווערט ערשט געבוירן ווערן דעם ערשטן אָקטאָבער און אז די פראָקלאמאציע
וו'יס וועט ארויסגעגעבן ווערן אין תל אביב פון בן גוריונ'ען וועט רעדן
וועגן עפעס א פראָוויזאָרישער אידישער רעגירונג פארשווייגנדיג אינגאנצן
דעם עניין פון אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. ווי באקאנט זיינען די אר-
בייטער ציוניסטן געווען אויף דער זייט פון אָפליינונג פון דער אומאָפ-
הענגיגקייט פראָקלאמאציע, בשעת מזרחי, רעוויזיאניסטן און אלגעמיינע
ציוניסטן מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, אונטער
דער אנפירערשאפט פון דר. אבא הלל סילווער און דר. עמנואל ניומאן,
זיינען געווען דערפאר אז די אידישע מלוכה זאל פראָקלאמירט ווערן, ווי
ס'איז פריער באשטימט געווארן גלייך נאכ'ן סוף פון דער ענגלישן מאנ-
דאט.

די סיבה פון גאנצן סכסוך האט זיך גענומען הויפטזעכליך פון
דער שטעלונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג צו דער אומאָפהענגיגקייט
פראָקלאמאציע פון דעם אידישן שטאאט. די אמעריקאנער רעגירונג וואס
האט שוין עטליכע מאל געביטן איר שטעלונג בנוגע צו ארץ ישראל האט
זיך געהאלטן שטאל און איין אָן איר שטאנדפונקט אז דער אידישער
שטאאט טאָר נישט פראָקלאמירט ווערן, און איז אפילו געגאנגען אזוי ווייט
צו סטראשען מיט זייער שטרענגע מיטלען אויב די פראָקלאמירונג וועט
פאָרקומען. אזוי, למשל, האט מען גענעבן שטארקע אָנצוהערענישן אין
וואשינגטאָן אז אויב די אידישע מלוכה וועט געשאפן ווערן און פראָקלא-
מירט ווערן אין ארץ ישראל וועט די אמעריקאנער רעגירונג, קודם כל,
ארונטערנעמען דעם קרן היסוד און דעם קרן קימת פון דער ליסטע פון
וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס צו וועלכע אמעריקאנער בירגער קענען פיי-

186

שטײערן און דערנאך אראָפּציען די דאזיגע בײשטײערונגען פון די רעגי-
רונגס-שטײערן - וואס דאס וואלט געמײנט אז מיליאנען און מיליאנען דא-
לארן וואלטן פארלאָרן געגאנגען פאר דער ציוניסטישער קאסע. און צווײ-
טענס, האט מען געלאזט וויסן, אמת, גאנץ אומאפיציעל, אז אויב די ציו-
ניסטן וועלן זיך אײנשפארן און דוקא באשטײן דערויף אז דער אידישער
שטאאט זאל פראָקלאמירט ווערן וועט די אמעריקאנער רעגירונג ארויפלײגן
א פארפאט אויף דעם אריבערשיקן פון געלדער פון די פּאראײניגטע שטאאטן
קײן ארץ ישראל. זאס דאס וואלט געמײנט אז דער גרעסטער טײל פון די 250
מיליאן דאלאר , וואס די אמעריקאנער אידן קלײבן איצטער פאר ארץ יש-
ראל פארטײדיגונג וואלט נישט קאָנען באנוצט ווערן אויף וואפן פאר די
קעמפער, אויף שיפן פאר די הונדערטער טױזנטער עמיגראנטן וואס דארפן
ארײנקומען קײן ארץ ישראל, פאר קאָלאָניזאציע און הײזער בוי. און צו
הונדערט און אײן אונטערנעמונגען וואס מוזן דורכגעפירט ווערן, אויב
דער אידישער שטאאט זאָל האבן א קיום.

נעווױסע קרײזן אין דער ציוניסטישער וועלט באוועגונג האבן זיך
שטארק דערשראָקן ווען זײ האבן געהערט די דאזיגע דראָהונגען און זײנע
געווען גרײט נאכצוגעבן דער דרוק פון וואשינגטאן אויף אזוי ווײט ווי. אָפ-
צולײגן די דעקלאראציע פון אומאָפּהענגיגקײט און צו באגנוגענען זיך
מיט דער דערקלערונג וועגן דער שאפונג פון א פראָוויזאָרישער אידישער
רעגירונג. זײער טענה איז געווען אז לויט דעם פלאן פון צעטײלונג פון
ארץ ישראל וואס איז אנגענומען געווארן פון די פאראײניגטע פעלקער דעם
29טן נאוועמבער 1947, דארף דער אומאָפּהענגיקער אידישער שטאאט פראָ-
קלאמירט ווערן ערשט דעם ערשטן אָקטאבער און ניט צום סוף פון בריטישן
מאנדאט.

דר. סילווער און דר. ניומאן האבן די גאנצע צײט געקעמפט אין
דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אגענטור געגן דעם דעפיטיזם וואס
שטאמט פון סטראשונגס. זײ האבן אנגעוויזן אז די דאטע פון דעם ערשטן
אקטאבער וואלט געווען א גילטיגע ווען די פאראײניגטע פעלקער וואלטן גע-
האלטן אין דורכפירן דעם חלוקה-פלאן און וואלטן בכלל זיך געהאלטן אָן
די פארשידענע דאטן וואס זײנען אנגעגעבן געווארן אין דער רעזאלוציע
פון צו צעטײלן ארץ ישראל, נאר אזוי ווי די פאראײניגטע פעלקער האבן
אלײן נישט געלײגט קײן געוויכט אויף די דאטן וואס זײ אלײן האבן פעסט-
געשטעלט האט פשוט ניט קײן זין אז דער ישוב אין ארץ ישראל זאל ווארטן
ביז אָקטאָבער כדי צו פראָקלאמירן די אידישע מלוכה. דער סוף פון'ם
מאנדאט, איז אנגעוויזן געווארן, גיט אונז די היסטארישע געלעגנהײט
אויף וועלכער מיר האבן לאנג געווארט איבערצונעמען די ממשלה אין ארץ
ישראל. יעדנפאלס, איז פארלאנגט געווארן, אז די לעצטע אנטשײדונג וועגן
דער פראָקלאמאציע פון דער אידישער מלוכה זאל געמאכט ווערן אין תל
אביב און נישט אין ניו יארק.

משה שערטאק'ס פליה פון לעיק סאקסעס קײן תל אביב האט געהאט צו
טאָן מיט דער דאזיגער אנטשײדונג. ער אלײן איז נוטה געווען צו דער
אָפּלײגונג פון דער פראָקלאמאציע, און ער איז געפלויגן קײן ארץ ישראל
איבערצוגעבן דארט די שטימונגען פון דער אמעריקאנער רעגירונגס קרײזן.
א טאג פאר זײן אָפּפליען האט ער געהאט א לאנגען געשפרעך מיט'ן אמערי-
קאנער אויסערן-מיניסטער מארשאל, וואס, ווי מ'גיט איבער, האט אים
שטארק געוואָרנט געגן דער פראָקלאמאציע פון דער אידישער מלוכה, אויס-
היטנדיג זיך דערבײ פון דירעקטע דראָהונגען. מ'זאגט אז אויסערן-מי-
ניסטער מאר שאל האט אפילו אנגעוואונקען אז ער איז גרײט אויף שריט
וואס וועלן זײן גינסטיג פאר דער אידישער מלוכה אין דער צוקונפט אויב
מ'וועט אפלײגן די פראָקלאמירונג אויף שפעטער.

נעהאלפן דער אנטשיידונג פאר דער אומאפהענגיגקייט פראקלאמאציע
פונ'ם אידן שטאאט האבן צוויי וויכטיגע פאקטארן: ערשטענס, די אנטשלאס-
נקייט פונ'ם ישוב, מיט בן גוריונ'ען בראש, ניט צו פארזאמען די היס-
טארישע געלעגנהייט פאר פראקלאמירן די אידישע אומאפהענגיגקייט, גלייך
נאכ'ן סוף פון בריטישן מאנדאט. און צווייטענס, די געשעענישן אין
לעיק סאקסעס, וואס האבן באוויזן אמעריקע'ס סאכטלאזיגקייט ארויפצוצווינ-
גען אויף די פעלקער פון דער וועלט איר פלאן וועגן א טראסטישיפ אדער
וועלכע עס איז אנדערע פארם פון אן עמערגענץ-רעגירונג פאר ארץ ישראל.
די דאזיגע צוויי פאקטארן האבן אריבערגעצויגן די וואגשאל אין דער ווא-
טונג פון א שנעלער און אנטשיידענדער פראקלאמירונג פון דעם אידן-
שטאאט.

די אומבאהאלפענקייט פון דער וואשינגטאנער רעגירונג צו קומען צו
א טאלק בנוגע צו ארץ ישראל האט אויך געהאט אן אנטשיידענדע ווירקונג
אויף געוויסע איינפלוסרייכע אידישע קרייזן אין אמעריקע, וואס זיינען פרי-
ער געווען גרייט אונטערצוגעבן זיך דעם רעגירונגס דרוק און אנצונעמען
אדער דעם טראסטישיפ פלאן אדער דעם פראיעקט פאר א דריי חדשימדיגן
וואפנשטילשטאנד אין ארץ ישראל, וואס איז סוף כל סוף נישט מער ווי דער
זעלבער טראסטישיפ פלאן נאר אנדערש געשליירט. די דאזיגע קרייזן האבן
זיך איצטער אפגעשאקלט פון אלע אמעריקאנער פלענער וואס האבן באצוועקט
צו נישט צו מאכן אדער אפצולייגן די אידישע מלוכהשאפט. אזוי למשל
האט דער געוועזענער גאווערנאר פון ניו יארק, הערבערט ה. לעהמאן, וואס
איז נאך מיט צען טעג צוריק ארויסגעטראטן מיט אן ערקלערונג, נאך
זיין באזוך אין ווייסן הויז, אז ער נעמט אן דעם וואפנשטילשטאנד פלאן,
איצטער אינגאנצן געענדערט זיין שטעלונג. אין א רעדע וואס ער האט
געהאלטן ביי א באנקעט לכבוד הענרי מארגענטוי, געוועזענער פינאנץ-מי-
ניסטער פון די פאראייניגטע שטאאטן און איצטער הויפט פון דעם פאר-
איניגטן אידישן אפיל, וואס האט זיך אונטערגענומען צו שאפן היי-יאר
250 מיליאן דאלאר פאר אידישע נויטן אין איראפא און אין ארץ ישראל,
האט לעהמאן דערקלערט אז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז
קיין זאך טאר נישט אפשטעלן די שאפונג פון א אידישער מלוכה אין ארץ
ישראל. לעהמאנ'ס דערקלערונג שאפט אפ די געפאר אז אנדערע פון זיינ
קרייז און קלאס זאלן ברעכן דעם אידישן פראנט אין אמעריקע בנוגע צו
ארץ ישראל.

ביז דער לעצטער מינוט האט געפלאקערט דער קאמף פאר דער
אידישער מלוכהשאפט אין ארץ ישראל, און ווען דער קומענדיגער געשיכטע-
שרייבער וועט זיך אמאל אפשטעלן אויף דעם דר אמאטישן קאפיטעל אין דער
אידישער געשיכטע וואס האט צו טאן מיט די לעצטע צען טעג פאר דער פרא-
קלאמירונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ ישראל, וועט ער געדיינקען
צו גוטן די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע, מיט דר. סילווער
און דר. ניומאנ'ען בראש.

- - - - -